אין אייערע אייגענע עמאָציעס. (גיט אונדז) אָבער די זעלביקע פאַרגעלטונג--ווי צו קינדער רעד איך--ווערט אַליין אויך ברייטהאַרציק. ווערט נישט איינגעשפּאַנט אין קיין פרעמדן יאָך מיט אומגלויביקע; וואָרים וואָס פאַר א חברותאשאַפט האָט צדקות מיט רשעות? אָדער וואָס פאַר א געמיינשאפט האָט ליכט מיט פינסטערניש? און וואָס פאַר אן הַסכָּמה גיבט עס צווישן משיח און בליעל? אָדער וואָס פאַר א חלק האָט דער מאמין מיט דעם אומגלויביקן? און וואָס פאַר א פאַרבינדונג האָט דער היכל פון ה' מיט אָפּגעטער? וואָרים מיר [אֲנַחְנוּ!] זענען דער היכל פון דעם לעבעדיקן ג-ט [אלקים חַיִּים]; ווי ה' האָט געזאָגט:

איך וועל וואוינען צווישן זיי און וואַנדלען;
און וועל זיין זייער ג-ט, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק. (ויקרא כו, יא-יב, יחזקאל לז, כז)
דעריבער:
גייט אַרויס פון צווישן זיי,
און שיידט אייך אָפּ, זאָגט דער האַר (ג-ט),
און רירט נישט אָן קיין טמא זאַך;
(ישעיה נב, יא; ירמיהו נא, מה)
און איך וועל אייך אויפנעמען,
און וועל זיין צו אייך א פאָטער,
און איר וועט זיין צו מיר זין און טעכטער,
(ירמיהו לא, ח; לב, לח; ל, כה)
זאָגט ה' צבָאות.